# אמור ג

א. אין דער היינטיקער סדרה ווערן אויסגערעכנט די ד' מינים[1] וואס מען דאַרף נעמען ביום הראשון פון חג הסוכות — „פרי עץ הדר כפות תמרים וענף עץ עבות וערבי נחל"[2]. געפינט מען אין דעם אַ דבר פלא:

ביי די ערשטע דריי מינים זעט מען אַז דער סימן וואס תורה גיט אויף זיי, איז אַ תנאי לעיכובא אין דעם מין וואָס מ'נעמט בפועל:

„פרי עץ הדר" — דער אתרוג וואָס מ'נעמט מוז זיין אַ „פרי עץ"[2*] און עס מוז זיין אַ „הדר"[3] (ואתרוג היבש פסול[4]):

„כפות תמרים" — דער לולב מוז זיין „כפות"[5]: „עלים הראויין לאגדן ולכפותן עם השדרה"[6] (און אויב ניט איז עס פסול),

[און אויך בנוגע דעם פרט פון „תמרים" — איז מסביר דער ראָגאַטשאָווער[7], אַז ס'איז ניט גענוג אַ לולב פון אַ בוים וואָס האָט דעם שם (פון דעם מין) תמרים, נאָר עס מוז קומען פון אַ „דקל שעושה תמרים".

דערמיט איז ער מבאר וואָס חז"ל[8] זאָגן אַז „ד' מינין שבלולב ב' מהן עושין פירות" — דלכאורה: אויך אַן עץ הדס גיט אַרויס פירות (ענבים[9])?

נאָר ווייל ביי לולב איז דער דין, אַז דער לולב מוז זיין פון אַ „דקל שעושה תמרים", און אויב „נטע דקל לעצים פסול ללולב", משא"כ ביי הדס וואָס מוז ניט קומען פון אַן עץ וואָס איז עושה פירות[10]]:

„ענף עץ עבות" — דער הדס מוז זיין „עבות": „תלתא בחד קינא"[11] (און אויב ניט איז עס פסול).

משא"כ ביים פערטן מין, כאָטש אַז אויך ביי אים איז דער פסוק מציין „ערבי נחל", איז אָבער דער דין[12], אַז „של בעל כשרה": אויב נאָר עס איז פון דעם מין ערבה וואָס וואַקסט געוויינטלעך ביי אַ נחל, איז כשר מלכתחילה[13], אפילו אויב

1) כך נקרא בכ"מ. וצ"ע דלכאורה צ"ל (כמו בפסח* ג') דברים, שהרי אין לוקחין המין, אלא דבר אחד מהמין. ואף שלוקחין ז דברים — הרי גם בפסח לוקחים ג' מצות וכו'.

2) כג, מ.

2*) וראה שו"ע אדה"ז או"ח סתרמ"ח סכ"ט שמ„פרי עץ" נלמד שצ"ל (ולעיכובא) „פרי גמור".

3) סוכה לא, א. — ומיני' ילפינן לשאר מינים (שו"ע אדה"ז או"ח סתרמ"ה ס"ב).

4) סוכה לד, ב.

5) סוכה לא, א.

6) לשון אדה"ז שם סעיף ג.

7) צפע"נ על הרמב"ם הל' לולב פ"ז ה"א. — הדיעות (והשקו"ט בארוכה) בזה ראה ס' הלולב הקנרי (ירושלים תשל"ח), וש"נ. וראה לקמן בפנים סעיף ה ואילך.

ואת"ל ד„תמרים" הוא שם האילן (ולא — דהפירות) — ראה הנסמן בס' הנ"ל ח"א פ"ו — גם אם אין צ"ל דקל שעושה פירות תמרים ה"ז תנאי בהלולב הנלקח בפועל (שצ"ל מאילן הנקרא תמר), דלא כ„ערבי נחל" שאין צ"ל הסימן ד„נחל".

8) מנחות כז, א.

9) סוכה לב, ב.

10) ואדרבה, לכן שחורות ואדומים פסול אם ענביו מרובות משום דהוה גמר פרי (צפע"נ שם).

11) סוכה לב, סע"ב וברש"י שם.

12) סוכה לג, סע"ב (במשנה).

13) ראה רמב"ם הל' לולב פ"ז ה"ג. רא"ש סוכה פ"ג סי"ג. טושו"ע (ודאדה"ז) או"ח סתרמ"ז ס"א.

*) להעיר מויק"ר פ"ל, טו: ג' המה פסח מצה ומרור וארבעה לא ידעתים אלו ד' מינים שבלולב.

די ערבה וואָס ער נעמט בפועל איז ניט געוואַקסן ביי אַ נחל.

דאַרף מען פאַרשטיין: פאַרוואָס זיינען ערבי נחל אַנדערש פון די אַנדערע דריי מינים, וואָס דער סימן וואָס תורה גיט אויף די ערבות איז נאָר אויף כללות המין און ניט אויף דער ערבה מיט וועלכע מ'איז מקיים די מצוה בפועל[14]?

ב. אין גמרא[15] איז פאַראַן אַ מ"ד אַז דער דין (אַז אויך אַן ערבה וואָס איז געוואַקסן במדבר או בהרים איז כשר) לערנט מען אָפּ פון דעם וואָס עס שטייט „ערבי נחל" — ערבי לשון רבים[16] — וואָס איז מרבה אויך אַן ערבה וואָס וואַקסט ניט ביי אַ נחל.

אָבער נוסף אויף דעם וואָס הא גופא איז דורש ביאור: מאי טעמא וואָס ביי די דריי מינים איז תורה מקפיד אַז דער פרט הנלקח בפועל זאָל האָבן די סימנים, און ביי ערבי נחל איז גענוג אויב עס איז פון דעם מין בכלל — איז ניט מובן:

פון לשון הרמב"ם[17] (לויטן פירוש פון רוב מפרשים[18]) והשו"ע[19] איז משמע, אַז מען דאַרף ניט האָבן אַ ריבוי מיוחד צו מרבה זיין אַן ערבה וואָס איז געוואַקסן במדבר או בהרים, נאָר מען ווייס עס פון משמעות הכתוב: די תורה רופט זיי מיטן נאָמען „ערבי נחל" ווייל „רוב מין זה גדל על הנחלים", און אויך אַן ערבה וואָס מ'נעמט פון דעם מיעוט וואָס וואַקסן במדבר או בהרים איז כשר.

[און מפרשים[20] זיינען מוסיף, אַז מען קען גאָרניט זאָגן אַז לויטן רמב"ם ווערט דער דין אָפּגעלערנט פון דעם ריבוי „ערבי" — ווייל דעם ריבוי דאַרף מען אויף צו אָפּלערנען אַז מען דאַרף נעמען צוויי ערבות[21]],

קומט אויס לשיטת הרמב"ם, אַז ביים זאָגן דעם לשון „ערבי נחל" רעדט די תורה (מלכתחילה) נאָר וועגן דעם שם המין בכלל, און ניט וועגן די ערבות מיט וועלכע מ'איז מקיים די מצוה בפועל.

איז ניט פאַרשטאַנדיק: מנלן (ומאי טעמא) לחלק בסימני התורה אויף די ד' מינים, צווישן די ערשטע דריי און די ערבות?

ג. מ'האָט שוין גערעדט כמה פעמים[22], אַז עס זיינען פאַראַן כמה ענינים אין תורה, וואָס אין דרך הפשט וע"ד הנגלה זיינען זיי „ניט גלאַטיק", און זיי ווערן פאַרשטענדליך לגמרי — נאָר ודוקא לויט דרך הדרש הרמז והסוד, ובפרט ע"פ הביאור אין פנימיות התורה.

ובל' רש"י[23] ובהדגשה „אין המקרא הזה אומר אלא דרשני".

ועד"ז בעניננו: דער חילוק הנ"ל צווישן די ד' מינים, איז פאַרשטאַנדיק בפשטות לויטן ביאור אין די ד' מינים ע"ד הדרש:

---

14) ראה גם חי' חת"ס לסוכה לד, ב (ושם, דכשם ש„ערבי נחל" הוא רק שם המין, כן גם „כפות תמרים" הוא רק שם המין וגם דקל שלעולם לא יוציא תמרים כשר. וראה הגסמן לעיל הערה 7).

15) סוכה שם. וכ"ה בתו"כ פרשתנו עה"פ.

16) רש"י סוכה שם. ועוד [וברבינו מנוח לרמב"ם שם (נדפס ברמב"ם הוצאת פרענקל) שנלמד ממש"נ „ערבי נחל" ולא „ערבי מים". ובפי' מהרז"ו לויק"ר (פ"ל, ח) שנלמד מהוי"ו ד„וערבי". ואכ"מ].

17) הל' לולב שם.

18) ראה רא"ש שם. כס"מ להל' לולב שם. ב"י וב"ח לטאו"ח שם. תוי"ט סוכה פ"ג מ"ג. ועוד.

19) או"ח שם. וכ"ה בשו"ע אדה"ז שם.

20) הנ"ל הערה 18.

21) סוכה לד, ב (רמב"ם שם ה"ז). וראה תוד"ה ורבנן סוכה לד, א.

22) ראה לקו"ש חי"ט ע' 209. וש"נ.

23) רש"י בראשית א, א.

עס שטייט אין מדרש[24], אז די ד׳ מינים זיינען אַ רמז אויף די פיר סוגים פון אידן: אַן אתרוג וואָס „יש בו טעם ויש בו ריח״ איז מרמז אויף אידן וואָס „יש בהם תורה ויש בהם מעשים טובים״: כפות תמרים (לולב) וואָס (אַ תמר) „יש בו טעם ואין בו ריח״, זיינען אַ רמז אויף די אידן וואָס „יש בהם תורה ואין בהם מעשים טובים״; „הדס יש בו ריח ואין בו טעם״ איז מרמז אויף אידן וואָס „יש בהם מעשים טובים ואין בהם תורה״; און ערבה וואָס „אין בה טעם ואין בה ריח״ איז אַ רמז אויף „בני אדם שאין בהם לא תורה ולא מעשים טובים״.

און די מצוה פון נטילת ד׳ מינים איז עינינה — „יוקשרו כולם אגודה אחת״: אַלע פיר סוגים פון אידן ווערן פאַר־בונדן באגודה אחת.

קומט אויס, אַז עס איז דאָ אַ חילוק עיקרי צווישן די ערשטע דריי מינים מיט דער ערבה: די ערשטע דריי מינים — סוגים אין אידן — זיינען גלייך זה לזה (ובמילא איז אויך זייער התאחדות) מצד דעם וואָס זיי אַלע פאַרמאָגן מעלות גלויות, מען זעט זיי בפועל: כפתגם הידוע[25]: „אַ גנב איז ניט דער וואָס קען גנב׳נען נאָר דער וואָס גנב׳עט, און אַ למדן איז ניט דער וואָס קען לערנען, נאָר דער וואָס לערנט (בפועל)״; ועאכו״כ אַז די מעלה פון מעשים טובים איז (כתוכנן הפשוט) שייך דוקא ווען מ׳טוט (און מ׳האָט) מעשים טובים בפועל.

משא״כ די ערבה — אידן וואָס „אין בהם לא תורה ולא מעשים טובים״ — איז די התאחדות מיט זיי דערפאַר וואָס זיי זיינען אידן, וואָס דאָס איז אַ מעלה פנימית ועצמית וואָס איז פאַראַן ביי יעדן איינעם וואָס איז מזרע אברהם יצחק ויעקב — אויך ווען בפועל איז „אין בהם לא תורה ולא מעשים טובים״, און אפילו אַ תינוק שנשבה לבין העכו״ם און ווייס גאָרניט אַז ער איז אַ איד.

און דערפון ווערט נשתלשל בהלכה בפועל, אַז די סימני התורה פון די ערשטע דריי מינים דאַרפן זיין בגלוי ביי די מיט וועלכע מ׳איז מקיים די מצוה בפועל; משא״כ ביי ערבה, איז אפילו אויב די פרטיות׳דיקע ערבה איז ניט גע־וואַקסן ביים נחל (ער איז אַ תינוק שנשבה לבין העכו״ם), אויב נאָר ער איז פון דעם מין „ערבי נחל״ — ער שטאַמט פון אברהם יצחק ויעקב — איז עס אַן ערבה כשרה לקיים המצוה, און דורך דעם „יוקשרו״ מיט איר פון די אַנדערע ג׳ מינים — ווערן זיי אַ טייל פון (און מען איז מקיים) מצות ד׳ מינים.

ולהעיר אַז דוקא זייער נאָמען, וועל־כער „ונקראים בהם בלשון הקודש״[26] „ערבה״ — איז די זעלבע אותיות פון „וערבה לה׳ מנחת יודא גו׳״[27].

ד. דערפון האָט מען אויך די הוראה ברורה:

צום אַלעם ערשטן דאַרף מען וויסן, אַז מען מוז זיך פאַרבינדן מיט יעדן אידן, אפילו מיט אנשים פשוטים, ווייל כדי צו מקיים זיין מצות נטילת ד׳ מינים מוז מען האָבן אַלע פיר מינים. כשם ווי

---

24) ויק״ר פ״ל, יב (ולהעיר ממנחות שם שמחלקם לב׳ סוגים. ואכ״מ).

25) ס׳ השיחות תורת שלום ע׳ 190. — הדוגמא (ובהקדמה דוקא) ד„גנב״, אף שאינה „לשון נקי״ והיפך הכבוד וכו׳, י״ל שהוא לשלול קס״ד שנקרא ע״ש מחשבתו הטובה, כשרונותיו וכו׳.

26) שער היחוה״א ספ״א.

27) מלאכי ג, ד. וראה אוה״ת פנחס (ע׳ א׳קז ואילך). וש״נ.

מען קען ניט יוצא זיין די מצוה אָן אַן אתרוג, אָדער אַ לולב אָדער אַ הדס, אַזוי קען מען ניט מקיים זיין די מצוה אָן ערבות, אנשים פשוטים.

ואדרבה: וויבאַלד אַז די פשיטות פון אנשים פשוטים (דוקא) איז פאַרבונדן מיט פשיטות העצמות[28], קומט אויס, אַז דוקא דורך דעם וואָס מען פאַרבינדט זיך מיט אנשים פשוטים, פאַרבינדט מען זיך מיט פשיטות העצמות.

דערצו קומט די הוראה, אַז עס איז אַ חילוק עיקרי אין דעם אופן ווי מען פאַרבינדט זיך מיט די ערשטע דריי סוגים פון אידן, אָדער — מיט אַן איש פשוט:

די וואָס זיינען שייך צו מעלות גלויות — תורה ומעשים טובים — דאַרפן זיי האָבן תורה ומעשים טובים בפועל ממש; ס'איז ניט גענוג וואָס מען שטאַמט פון אַ משפחה פון לומדים, אָדער וואָס מ'האָט זיך פאַרשריבן אין אַ ישיבה, אָדער אפילו וואָס ער האָט מיט אַ ווײַלע פריער געלערנט תורה; ער מוז האָבן איצט דעם „טעם", דעם לימוד התורה בפועל (ועד"ז במעשים טובים).

אָבער בּאַ מקרב זיין אַן איש פשוט, דאַרף מען ניט שטעלן „תנאים" — פריער לערן תורה זיי מקיים מעשים טובים, אפילו ניט דעם תנאי אַז פריער זאָל ער „פילן" זיך ווי אַ איד[29];

וויבאַלד ער איז מזרע ישראל דאַרף מען צום אַלעם ערשטן זיך פאַרבינדן מיט אים — מצד אהבת ישראל, דער־פאַר וואָס ער איז אַ איד, ואדרבא אויב ער פילט דאָס ניט איז דער רחמנות אויף עם גאָר גאָר אַ גרויסער, און רחמים רבים ברייננגט אהבה רבה[30],

און דאָס „אוהב את הבריות" וועט ברענגען, „ומקרבן לתורה"[31]: סוף סוף וועט ער מקרב זיין און אויפהויבן די בריות צו תורה, ביז זיי וועלן זיין אין דער דרגא פון יש בו טעם ויש בו ריח.

ה. דער ביאור איז לויט דער דיעה (הנ"ל סעיף א) אַז „כפות תמרים" איז אַ תנאי לעיכובא אין לולב, אַז עס מוז קומען פון אַ „דקל שעושה תמרים".

עס זיינען אָבער פאַראַן דיעות[32], אַז אויך „כפות תמרים" איז בלויז דער שם המין בכלל (פונקט ווי „ערבי נחל") און אויך אַ דקל שאינו עושה תמרים איז כשר ללולב —

וי"ל ביאור החילוק (צווישן די סימני התורה אויף אתרוג והדס און לולב וערבות) לויט די דיעות:

נטילת ד' מינים איז דאָך פון די מצות מעשיות, און אין זיי גופא אַ כי נעלית ביותר, וואָרום זי דאַרף אויפטאָן אחדות בשלימות פון אַלע סוגי אידן, ווי די אחדות פון די פיר אותיות פון שם המיוחד, שם הוי'[33]

און דאָ זאָגט מען אַז ס'איז מעכב, ווי אַזוי קען ווערן די מציאות פון דער מצוה מעשית

28) לקוטי דיבורים ח"ג תצא, ב. שם ח"ד תקעה, ב. ולהעיר מלקו"ת שה"ש (כז, ד) במעלת בדי ערבות. וראה לקו"ש חכ"ט ע' 223 ואילך.

29) להעיר מט"ז או"ח שם סקי"ב ד"ה טפי ניחא להראות חידוש וליקח אפי' שלא מן הנחל". וי"ל דגם בפנימיות הענינים כן הוא, שיש „להראות חידוש" ולהדר בקירוב אותם שלא ניכר בהם שהם „ערבי נחל" (מזרע אברהם יצחק ויעקב).

30) ראה תניא ספמ"ה.

31) אבות פ"א מי"ב.

32) חת"ס שהובא לעיל הערה 14. ועוד (ראה הערה 7).

33) זח"א סג, סע"ב (ובנצו"א שם). פע"ח שער הלולב בתחלתו. ובכ"מ.

וועז עס טוען אין דעם אזוינע וואס „אין בהם מעשים טובים״[34],

ניט נאר אז אין זיי ווערט אויפגעטאן (אחדות ואיחוד וכו׳) דורך דעם קיום המצוה, ובל׳ המדרש דא גופא בנדו״ד: מכפרין אלו על אלו.

ויתרה מזה: זייער צירוף אין אויפטאן מציאות המצוה מעשית, דארף גאר שטערן, ע״ד ווי מ׳זאגט[35] בא פרה אדומה אז עס דארף זיין ניט ע״י אהרן, ווייל „אין קטגור נעשה סניגור״ —

מוז מען זאגן אז ביידע (לולב וערבה)[36] טוען אויף מציאות המצוה דורך זייער עצם[37], וואס זיי זיינען בני אברהם כו׳, וועלכער איז שטארקער (ווען ער ווערט נתגלה[38] — דורך דעם צירוף ולקיחה צוזאמען מיט אתרוג והדסים) ווי מעשים.

וי״ל דוגמתו, עכ״פ מעין זה, בנוגע ללולב וואס אעפ״כ דארף ער האבן תורה: תרומה ווערט געגעבן נאר לכהן, ווייל ער איז בנו של אהרן, ואעפ״כ זאגט מען אז ער דארף האבן מעלת התורה והנותן[39] תרומה לכהן ע״ה כאילו נותנה כו׳.

ו. לויט דעם ביאור קומט ארויס נאך אן ענין — אז עס איז דא א גרעסערער חידוש אין דעם צירוף הלולב לגבי דעם צירוף פון די ערבות:

„מי שיש בו תורה״, וועלכער האט ניט קיין מעשים טובים איז דאס (דער ניט האבן מע״ט) פיל ערגער ווי בא אן עם הארץ. אן עם הארץ ווייס ניט בעסער, משא״כ דער תלמיד חכם האט דעם „תלמוד״ און אעפ״כ איז עס ניט „מביא לידי מעשה״.

וע״ד מאמר חז״ל[40], אז תלמידי חכמים — „שגגות נעשות להם כזדונות״.

וואס פון דעם האט מען נאך א הוראה, אז דער חיוב פון פארבינדן זיך מיט יעדן איד — „ויקשרו כולם אגודה אחת״ — איז ניט נאר מיט די וואס בנוגע זיי איז עס פקוח נפש (ברוחניות) ממש, עמי הארץ ותינוק שנשבה בין העכו״ם וכו׳ אזעלכע וואס האבן קיינמאל ניט „פארזוכט״ דעם „טעם״ פון אידישקייט,

נאר אפילו איינער וואס ווייס יא און פונדעסטוועגן איז ער ניט מקיים — דארף מען זיך אפגעבן און זיך פארבינדן מיט אים („ויקשרו כולם אגודה אחת״). און נאך מער: מען מוז אים האבן לעשות מציאות המצוה ולקיימה.

און דורך דעם וואס אלע סוגים פון אידן ווערן נתאחד צוזאמען, ווערט אויפגעטאן — ווי דער מדרש פירט אויס — „הן מכפרין אלו על אלו״, כולל

---

34) וגם בתורתו דה„לולב״ — חסר ה„גדול״ שבו, שמביא לידי מעשה (ראה קידושין מ, ב. וש״נ. ועיין הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ד ס״ב־ג).

35) פרש״י ר״פ חוקת מר״מ הדרשן.

36) משא״כ אתרוג והדס שלשניהם יש מעשים טובים. והחידוש שבאתרוג על ההדס בענין זה (שלכן נמנה בפ״ע) — כי לימוד התורה המביא לידי מעשה ה״ז מוסיף בשלימות המעשה.

37) שלכן לדיעה זו אין הלולב צ״ל מ„דקל שעושה תמרים״.

ולהביאור דלעיל (סעיף ג־ד) — יש לומר, דצירוף הלולב הוא מפני שבלימוד התורה יש מעשה זוטא דעקימת שפתיו (ולכן צ״ל „דקל שעושה תמרים״ — לימוד התורה בפועל*).

38) ועפ״ז יובן הא דתנאי דכפות (לאגדן) בלולב הוא לעיכובא.

*) משא״כ להביאור בפנים כאן, מה שצ״ל תורה (לולב) הוא מפני שתורה מוסיפה ב(גילוי) העצם, כהדוגמא דלקמן מנתינת תרומה לכהן ת״ח דוקא.

39) סנהדרין צ, ב.

40) ב״מ ספ״ב.

**דעם טייטש אין „כפרה" — „לכפר לפני ה' להיות נחת רוח לקונו"[41];**

**ביז אַז דאָס פועל'ט אויף אַן עילוי אויך למעלה כביכול — „אמר הקב"ה . . אני מתעלה"[42],**

**און דאָס ברענגט אַראָפּ די גאולה האמיתית והשלימה — דאַין ישראל נגאלין עד שיהיו כולן אגודה אחת[43].**

(משיחת שמחת בית השואבה, תשי"ב)

41) אגה"ת פ"ב.

42) ויק"ר שבהערה 24. וראה זהר ס"פ תצא „אעלה בתמר סימן אתרוג ערבה לולב הדס". ולהעיר ד„תמר" קאי על לולב (ראה נצו"א שם). וכמו שברכת כל הד' מינים היא „על נטילת לולב".

43) תנחומא נצבים א (בסופו).

# ל״ג בעומר

א. בנוגע דער שמחה אין דעם טאָג פון ל״ג בעומר, ווערן געבראַכט כמה טעמים ומהם:

א) די תלמידים פון ר׳ עקיבא (וואָס „מתו מפסח ועד עצרת״[1]) „פסקו מלמות״[2].

ב) ס׳איז הילולא דרשב״י[3] — דער יאָרצייט פון רשב״י[4] (וואָס ער האָט אָנגעזאָגט אַז מען זאָל זיך פרייען ביום הסתלקותו[5]).

אַלע ענינים פון תורה זיינען בדיוק. דאַרף מען זאָגן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ שייכות בתוכן וענין צווישן די צוויי מאורעות הנ״ל, נוסף ע״ז וואָס רשב״י איז תלמידו של רע״ק.

דאַרף מען פאַרשטיין: וואָס איז די שייכות צווישן דעם וואָס תלמידי רע״ק „פסקו מלמות״ צו הילולא דרשב״י?

ולכאורה, אדרבה — ס׳איז אַ דבר והיפוכו: רשב״י איז דאָך געווען איינער פון די חמשה תלמידים פון ר׳ עקיבא וואָס זיינען געבליבן לעבן און „הם העמידו תורה״[6]. הייסט עס דאָך, אַז די שמחה דערפון וואָס תלמידי רע״ק פסקו מלמות איז מדגיש ווי ל״ג בעומר איז אַ טאָג וואָס רשב״י, און די אַנדערע תלמידים (והאחרונים) דרע״ק, בלייבן בחיים — דער היפך פון הסתלקות (דרשב״י)!

וי״ל הביאור אין דעם: אין דעם יום ההסתלקות פון אַ צדיק קומען זיך צוזאַמען „כל מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד כל ימי חייו״[7], וואָס דאָס (מעשיו וכו׳) זיינען חייו האמתים[8], איז פאַרשטאַנדיק, אַז ביום ההסתלקות[9] דערגרייכט ער זיין שלימות[10], און דאָס איז מאיר בגילוי.

און וויבאַלד אַז די עבודה פון רשב״י איז געווען היפך פון די (כ״ד אלף תלמידי רע״ק ש)מתו[11], זי איז אַן עבודה וואָס ברענגט צו „פסקו מלמות״ (כדלקמן) — דעריבער איז זיין הילולא (ווען שלימות עבודתו איז מאיר בגילוי) אין דעם טאָג פון „פסקו״ — ל״ג בעומר[12].

מען דאַרף אָבער פאַרשטיין: וויבאַלד אַז פון די חמשה תלמידי רע״ק איז דוקא

1) יבמות סב, ב.

2) מאירי שם בשם הגאונים. טושו״ע (ודאדה״ז) או״ח סתצ״ג ס״ב (ס״ה).

3) זח״ג רצו, ב. ועייג״כ זח״א ריח, א.

4) פע״ח שער ספירת העומר פ״ז. ובכ״מ.

5) עיין פע״ח שם. וראה ד״ה להבין ענין הילולא דרשב״י בסה״מ אדה״ז תקס״ד (ע׳ קא) ועוד — בטעם שעושין שמחה אף שנקבע תענית על מיתת צדיקים. וראה לקו״ש ח״ז ע׳ 343 בהערה, וש״נ.

6) יבמות שם. — ובב״ר (פס״א, ג) וקה״ר (פי״א, ו) ז׳ תלמידים.

7) אגה״ק סי׳ זך.

8) ראה ביאור אגה״ק הנ״ל „נודע שחיי הצדיק אינם חיים בשרים*, כ״א חיים רוחניים״.

9) להעיר ממש״נ: ויהיו חיי גו׳ שני חיי שרה (כולן — ביום אשר) ותמת שרה.

10) ראה בענינינו — סידור שער הל״ג בעומר (דש, סע״ב ואילך).

11) להעיר מזח״ב קצ, ב.

12) ראה שער הכוונות ענין ספה״ע דרוש יב: רשב״י ע״ה הוא מחמשה תלמידיו הגדולים של ר״ע ולכן זמן שמחתו ביום ל״ג לעומר כפי מה שביאר לעיל ביום ל״ג לעומר (ע״ש).

*) כנראה צ״ל „בשריים״ (ב׳ יודין), כמו „רוחניים״ שבהמשכו.